# ליל שבת קודש פרשת תצוה - זכור ה'תשס"ו

פרייטאג צו נאכט'ס ביי די ערשטע סעודה, וואס איז געווען אויך א שבע ברכות פאר איינער פון אונזערע לייט, האט מוהרא"ש שליט"א געשמועסט גיוואלדיגע מורא'דיגע דיבורים, אויפן רבינ'ס תורה אין ספה"ק ליקוטי מוהר"ן חלק א' סימן ר"ב וואס שמועסט פון 'כבוד', עיין שם.

מוהרא"ש נ"י האט אנגעהויבן: רביז"ל אומר, **יעדער וואס זיין שכל איז גאר קליין, דארף מען איהם אנטיילן מער כבוד, ווייל לויט די קליינקייט פונעם שכל דארף דער מענטש מער כבוד, וכמו און אזוי ווי מ'זעהט בחוש, אז די ווייבער זענען זייער מקפיד אויף זייער כבוד, און זיי ווילן זייער מ'זאל זיי רעספעקטירן, און דאס איז ווייל זייערע שכל איז גאר קליין,** עד כאן לשון רביז"ל.

און מוהרא"ש נ"י האט מסביר געווען, אז אין די קורצע תורה לערנט אונז דער הייליגער רבי ז"ע, א ריזיקיגע לימוד ווי אזוי זאל א מענטש זוכה זיין צו אן אמת'ן שלום בית, א גאנץ לעבן, און דאס איז דורך דעם אז ער וועט מכבד זיין די ווייב. און אזוי ווי דער רבי האט אונז אנגעווארנט אין אנדערע ארט (שיחות הר"ן סי' רס"ג), מכבד זיין און טייער האלטן זיין ווייב, ולייקר את אשתו, און האט געזאגט: די ווייבערליידן דאך גרויסע טרויער און מורא'דיגע גרויסע שמערצן פון זייער קינדער, די שוואנגען און דאס געבארן און אויפהודעווען, אזוי ווי עס איז באוואוסט פאר אלע, די ריזיגע ווייטאג און טרויער און שמערצן, אין אלערליי זייער זייער שווערע און הארטע פאלן, דעריבער איז קער אויף זיי רחמנות צו האבן און זיי מכבד צו זיין. און אזוי זאגן אויך חז"ל (בבא מציעא נט.): זייט מכבד אייער ווייבער, איהר זאלט רייך ווערן דורך דעם, און האבן געזאגט אויך (יבמות סג.): ס'איז גענוג פאר אונז אז זיי זענען מגדל אונזערע קינדער וכו', עיין שם, און ווען מ'איז זיי מכבד, קערן זיי זיך אום צו די ווילן פון זייער מענער, זיי צו העלפן אין אלדינג – און ס'איז דא א ריכטיגע און ווינדערליכע שלום בית.

אבער ווען א מאן פאלט דורך צו אן קטנות המוחין, און ער פאדערט פון זיין ווייב, זי זאל אנקוקן אויף איהם, און ווען דער געפאדערטע כבוד קומן נישט אן צו איהם,

קומט ער צו, צו אויפרעגן זיך און קריגערייען, און דער גאנצער שטוב ווערט איבערגעקערט צו א גיהנום, רחמנא ליצלן, און טאמער א מענטש וואלט געהאט א ביסעלע ישוב הדעת, וואלט ער פארשטאנען, אז דאס רודפ'ן נאכן כבוד איז א גרויסע שטות (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' קצ"ד), ווייל מלא כל הארץ כבודו, און דער גאנצער כבוד געהערט נאר צו הקדוש ברוך הוא, און ווען איינער וויל כבוד איז ער געגליכן צו א פקיד וואס א גרויסער מיניסטער האט איהם געשיקט צו איינע פון זיינע שטעט, און דער קליינער פקיד האט גענומען פאר זיך דער גאנצער כבוד. און די איינוואוינער פון שטאט האבן גארנישט געוווסט אז ער איז א קנעכט פאר דער גרויסער מינסטער, זיי האבן אין טעות געמיינט אז ער איז אליין דער מיניסטער, און זיי האבן איהם געגעבן דער גאנצער כבוד. אמאל איז פארגעקומען אז דער מיניסטער איז צוזאמען אנגעקומען מיט זיין קנעכט אהין, און די לייט זענען אנידער געפאלן צו די פוס פונעם קנעכט, מיינענדיג אז ער איז דער מיניסטער, און זיי האבן איהם אנגעטיילט די גאנצער כבוד פאר די מיניסטער'ס אויגן ... ס'איז דאך נישט דא קיין גרעסערע בזיון דערפון, אז דער שר זעהט ווי מ'גיבט איהם אזא כבוד – דער נמשל איז ביי יעדער מענטש, טאמער ער נעמט פארזיך כבוד, נעמט ער דאך כבוד אינעם פלאץ פונעם גרויסער קעניג ס'איז דאך נישט דא קיין גרעסערע בזיון דערפון, דעריבער מיט א ביסעלע ישוב הדעת, ווען א מענטש טראכט זיך איבער ווי מלא כל הארץ כבודו, און אז דער גאנצער כבוד געהערט נאר צום אייבישטער אליין, וועט ער א ודאי נישט וועלן קיין שום כבוד פאר זיך, און ער וועט זיין מעגליך צו געבן זיין ווייב איר כבוד וואס קומט איהר.

אבער א ודאי איז אז מ'קען נישט זוכה זיין צו מבטל זיין די גאוה נאר דורך תפלה מיט התבודדות, אזוי ווי עס ווערט גוט מבואר אינעם הייליגער רבינ'ס רייד (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' נ"ב) לויט די משנה אין אבות (פרק ג') הניעור בלילה והמהלך בדרך יחידי והמפנה לבו לבטלה הרי זה מתחייב בנפשו – אז א מענטש דארף צו זיין אויף ביי נאכט, און גיין אין א איינציגע פלאץ וואס דרייען זיך נישט דארט מענטשן אפילו ביי טאג, און וועט ליידיגן זיין הארץ צו אן ביטול גמור פאר השם יתברך, ד. ה. מבטל צו זיין אינגאנצן אלע זיינע שלעכטע מידות – דעמאלס איז ער "מתחייב בנפשו", אז ער גייט ארויף און ער איז נכלל אין מחוייב המציאות [אז זיין ווירקליכקייט מוז צו זיין] , אינעם

breslevcity.co.il

אייבישטער, און ער ווערט אינגאנצן נכלל אינעם אור אין סוף ברוך הוא, עיין שם כל זה בדברי רביז״ל.

אין די משנה האט געזאגט דער הייליגער תנא - רבי חנינא בן חכינאי, ווייל ער אליין האט דאס מקיים געווען, ווען ער איז געגאנגען לערנען תורה ביי רבי עקיבא גלייך נאך זיין חתונה, און ער האט זיך פארזוימט דארטן צוועלף יאר, און ער האט זיך אזוי מדבק געווען אינעם אייבישטער און אין זיין תורה הקדושה, ביז ער האט אינגאנצן פארגעסן פון חיזו דהאי עלמא [די קוק אויף דער וועלט], און ער האט נישט דערקענט זיין שטאט און זיין שטוב, אזוי ווי די גמרא דערציילט (כתובות ס״ב:) עיין שם.

און אפילו אז דער רבי ז״ע האט געזאגט (שיחות הר״ן סי׳ נ״א) אז מ׳דארף נישט האבן קיין הפקרות, און מ׳מוז נישט אפלאזן זיין שטוב כדי צו דינען השם יתברך, אבער אויך אזוי דארף מען האבן מסירת נפש זיך קובע זיין א צייט, זיך אפשיידן פון לייט, און זיך מתבודד זיין [זיין אליין] מיטן באשעפער, ווייל די עבודת ההתבודדות ברענגט אריין אין א מענטש די מדת הביטול, ביז זיין גאנצע ווירקליכקייט ווערט אויס אינגאנצן, אזא מענטש וויל נישט האבן מער קיין שום כבוד פאר זיך, און ער ברענגט ארויף דעם גאנצע כבוד צו דער מלך הכבוד.

און איינער פון די עיקרים פון תפילה וההתבודדות, איז אסאך צו בעטן פונעם אייבישטער מ׳זאל זוכה פרייליך צו זיין, ווייל ווען א מענטש האט שמחה, האט ער אלסדינג, און ער ווערט אפגעהיטן פון אלע פגעים רעים וואס זענען פארהאנען אין דער גשמיות׳דיגע וועלט, און דאס איז אויך באהאפטן צו דער ענין פון כבוד אשתו הנ״ל, ווייל חכמינו הקדושים זאגן (יבמות ס״ב:) כל השרוי בלא אשה שרוי בלא שמחה. ווייל ווען מ׳האט נישט חתונה קען מען אנקומען חלילה צו גרויסע עבירות, וואס פון דעם ציהט זיך אז א מענטש איז טרויעררדיג. דעריבער, איז דער נאמען פון די קליפה וואס שטרויכלט א מענטש אין פגם הברית, רחמנא ליצלן, איז לילי״ת, אויפן נאמען פון יללה [קלאגן] מיט עצבות (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סי׳ ר״ה), ווייל דאס איז דער עיקר כח אירע, אז ווען א מענטש איז אין עצבות און אין מרה שחורה, אבער ווען א מענטש

breslevcity.co.il

האט חתונה לשם שמים, און ער פירט זיך בקדושה וטהרה, ווערט ער אפגעהיטן פונעם זינד, וואס דאס איז דער עיקר שמחה.

דערפאר האט דער הייליגער תנא רבי חייא געזאגט צו זיין זוהן (יבמות ס"ג.), אז ער זאל אכטונג געבן אין זיין ווייב'ס כבוד, אפילו אויב זי איז איהם מצער, 'כי דיינו שמגדלת בנינו, ומצלת אותנו מן החטא', עיין שם, און אויב דער הייליגער תנא רבי חייא האט אזוי געזאגט, וואס זיין הייליגער כח איז אזוי גרוים געווען, אז אין זיין דאווענען אויף רעגן איז דער גאנצער וועלט כמעט אפ געמבולב'ט אין די רעגן וואסער (בבא מציעא פ"ה:), וואס וועלן זאגן אנדערע לייט, אז א ודאי זיי מוזן מכבד צו זיין, זייערע ווייבער, און מכיר טובה זיין אויף דאס מגדל זיין די קינדער און ראטעווען זיי פון עבירות, און ווען א מענטש געדענקט דאס גוט, וועט ער האבן א אמת'ע שלום בית.

און אין די וואכעדיגע סדרא שטייט (שמות כ"ז) **ואתה תצוה את בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך כתית למאור להעלות נר תמיד**, שנצטוו על הדלקת המנורה במשכן ובבית עולמים, און חכמינו הקדושים זאגן (במדבר רבה פרשה ט"ו סי' ה') וכי לאורה הוא צריך, הלא האור אצלו שרוי, וכמו שכתוב (דניאל ב') ונהורא עמיה שריה, אלא להחזיק טובה ישראל וכו'. ווייל א וודאי דער אייבישטער דארף נישט אונזערע ליכטיגקייט, ווייל די גאנצע ליכטיגקייט איז פון איהם, אבער ער האט אונז באפוילן אנצוצינדן די מנורה אין בית המקדש, אונז צו דערמאנען אלעמאל אויף דער אייבישטער'ס כבוד מיט ליכטיגקייט, אז מיר זאלן גוט מתבונן זיי אז מלא כל הארץ כבודו, און די גאנצע באשעפעניש לייכט און שיינט אינעם אייבישטער'ס ליכטיגקייט, ואון אזוי ווי עס שטייט (יחזקאל מ"ג) והארץ האירה מכבודו. און דורך דעם יעדער וועט נתבטל זיין צו די ליכטיגקייט און וועט גארנישט טראכטן צו צונעמען עפעס א כבוד פאר זיך.

און עס ווערט געברענגט אין בעל הטורים, **ואתה תצוה**, **תצו"ה** באטרעפט **נשי"ם צו"ה**, א רמז צו די חוב אז ווייבער זאלן לעכט צינד פאר שבת קודש, עיין שם, און מ'דארף פארשטיין וואס איז דער קשר פון הדלקת נר שבת פון וויבער א הער, אבער לויט די אויבנדערמאנטע רבינ'ס ווערטער קען מען דאס אלס פארשטיין בטוב טעם

breslevcity.co.il

ודעת, אז דאס איז אלס כדי צו דערלאנגן פאר די ווייבער זייערע כבוד, ווייל זייער שכל איז קליין, און זיי זענען מקפיד אויף זיין כבוד, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש (תנחומא נח) דעם טעם וואס איז געגעבן געווארן הדלקת נר שבת פאר ווייבער, ווייל חוה האט געזינדיגט אין עץ הדעת, און זי האט פארלאשן די ליכט פון דער וועלט, דאס הייסט די נשמה פון אדם וואס ווערט אנגערופן ליכט, און אזוי ווי עס שטייט (משלי כ׳) נר הוי״ה נשמת אדם, דערפאר אויך יעצט וועט זי אנצינדן נר שבת און זי וועט מיט דעם צוריק באלייכטן דער וועלט.

און נר שבת צינד מען וועגן שלום בית (שבת כ״ג:), ווייל טאמער עס איז נישט דא קיין ליכטיגקייט, שטרויכלען מענטשן איינער אין צווייטן, און ס׳איז נישט דא קיין שלום, אבער גלייך ווען ס׳איז דא אור, איז דא שלום.

און דער עיקר שלימות פון א יודישע שטוב איז, ס׳זאל הערשן דארט א ווינדערליכער שלום, און דורך דעם וועט מען געראטעוועט פונעם זינד, און ס׳שיינט צוריק די נשמה ליכטיגקייט פון א מענטש.

און מיט דעם איז גאנץ גוט דעם רמז אין הדלקת המנורה, צו הדלקת נר שבת פון ווייבער, א בחינה פון **תצו״ה, נשי״ם צו״ה**, ווייל דורך די לעכט צינדן פון די ווייבער, ווערט פארמערט די שלום בית, און מענטשן ווערן געראטעוועט פונעם זינד, און ס׳לייכט צוריק דעם אייבישטער׳ס ליכטיגקייט אינעם וועלט וואס דאס איז דער אור המנורה אין בית המקדש, והבן.

און דאס איז אויך דער ענין פון פרשת זכור, וואס דאס איז דעם אויסמעקן פון עמלק פון דער וועלט, ווייל עמלק האט געוואלט פארמערן תאוות ניאוף אין דער וועלט, און אזוי ווי עס שטייט (דברים כ״ה) אשר קרך בדרך, און אזוי ווי רש״י טייטשט אויפן ארט, און דער עיקר עצה זיינע איז צו מאכן פירודים צווישן א מאן מיט זיין ווייב, און צושטערן דעם שלום בית, וואס דורך דעם זינדיגט מען, חס ושלום, און אזוי ווי דער רבי ז״ע האט געזאגט (שיחות הר״ן סי׳ רס״ג) אז דער בעל דבר האט זיך זייער פארלייגט, צו

צושטערן דעם שלום בית פון יונגע לייט, כדי זיי צו צוברענגען צו עבירות, חס ושלום, עיין שם.

און דער עיקר שטרויכלונג איז דורך די מידה פון ישות מיט גאות וואס איז גורם א פירוד אין שטוב כנ"ל. ווייל עמל"ק באטרעפט ר"ם, וואס ברענגט אריין אין א מענטש, אז זיין הארץ זאל זיך הייבן מיט זיך גרוים האלטן, און מיט דעם כבוד ווען קען ער נישט מכבד זיין די ווייב, און דורך דעם טרייבט ער די שכינה פון שטוב, חס ושלום, ווייל 'איש ואשה זכו שכינה שרויה ביניהם' (סוטה י"ז.), דורך דעם שם י"ה וואס רוהט צווישן זיי, ווייל דעם שם י"ה זענען די צוויי מוחין, חכמה ובינה, וואס ווערן אנגערופן אין קבלה: אבא ואמא, וואס זיי זענען כביכול די יחוד צווישן א מאן מיט א פרוי.

דערפאר איז דעם שם י"ה איז מסוגל מבטל צו זיין די גאוה (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין כתבי האריז"ל שער רוח הקודש), ווייל אויך גאו"ה באטרעפט ט"ו אזוי ווי שם י"ה, אבער ביי עמלק שטייט (שמות י"ז) כי יד על כס י"ה, אז די קליפת עמלק פארמערט די גאוה אין שטוב, און ס'נישט דא דארט קיין שלום, דמאלם טרייבט ער די שכינה פון שטוב, און אויך עמלק פארלייגט זיך דאס מערסטע אויף א בחור, ער זאל נישט קענען חתונה האבן, דעמאלם איז ער איהם מכשיל אין מורא'דיגע זאכן, און צוברעכט איהם אינגאנצן.

דעריבער דעם פסוק (איכה א') **ק**'רא **ע**'לי **מ**'ועד **ל**'שבור – בחורי, איז ראשי תיבות **עמל"ק**, ווייל ביי עמלק איז א גאנצער יום טוב ווען ער קען צוברעכן א בחור, ער זאל נישט קענען א שידוך טאן, און אויך **ע**'לי **מ**'ועד **ל**'שבור **ב**'חורי איז ראשי תיבות **בלע"ם**, ווייל דאס איז געווען בלעם הרשע'ס עצה, מכשיל צו זיין נשמות ישראל אין פגם הברית, חס ושלום, דערפאר איז דער עיקר קעמפף קעגן איהם איז, אז מ'העלפט חתונה צו מאכן יונגע בחורים'ליך אינעם יונגד, און מ'מאכט אלע מיני פעולות בעולם ס'זאל זיין שלום בית צווישן זיי, דעמאלם מ'ראטעוועט זיי פון אלערליי חטאים ועוונות, און ס'ווערט נתגלה די שכינה אין דער וועלט. און השם יתברך וועט אונז מזכה זיין צו די קדושה פון די טעג, אויסמעקן אינגאנצן זכרו של עמלק פון דער

breslevcity.co.il

וועלט, ביז מ'וועט זוכה זיין צו זעהן בגאולתן וישועתן של ישראל, במהרה בימינו אמן ואמן.

breslevcity.co.il
הר | שדה | בית